# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל






## דאנקען בשעת'ן טאג טעגליכן געיעג

אין די וואכעדיגע פרשה באקענען מיר זיך מיט מצוות ביכורים, דאס ברענגען די ערשטע פרוכט פון פעלד קיין ירושלים און דאס איבערגעבן צו די כהנים. דער פעלד ארבעטער איז געקומען מיט זיין אנגעפולטע קארב לויבנדיג השי"ת. ס'איז אריבער אויף אים חדשים און לאנגע שעות פון הארעוואניע אין זיין פעלד, און יעצט קען ער ענדליך שניידן די פירות פון זיין שווערע ארבעט. די לאנגע יאר פון פלאג האט זיך אים אויסגעצאלט, ער האט יעצט גענוג שפייז פאר זיין משפחה צו איבערלעבן נאך א יאר. אבער בעפאר דער פארמער מיט זיין משפחה האבן נאך א געלעגנהייט זיך אפצורוען און הנאה האבן פון זיין ארבעט דארף ער זיך אפשטעלן און נעמען א חלק אין די מצוות ביכורים צום בית המקדש.

אלע פעלד ארבעטערס פון די דערפער ארום פלעגן זיך צאמנעמען צום נאנטסטן שטעטל, און אנהייבן די פרייליכע מארש קיין ירושלים. זיי האבן געפירט גאלדענע און זילבערנע באצירטע קארבן אנגעפילט מיט ביכורים. די קארבן זענען אויך געווען הערליך באצירט מיט נאך פולע אנדערע פרוכט.

אן אקס וואס איז ספעציעל דעקארירט געווארן מיט גאלדענע הערנער, האט אנגעפירט די פראצעסיע. ווען דער סיגנאל איז געקומען, האבן זיך די גאנצע גרופע פון מענער, פרויען און קינדער זיך ארויסגעלאזט אויף זייער מארש קיין עיר הקודש ירושלים.

ס'איז געווען אן אויסטערלישע סצענע! ס'איז פארגעקומען לעבעדיגע מוזיק, טענץ, און טענער פון לויב און געזאנג צו השי"ת. מער און מער מענטשן פון די ארומיגע דערפלעך האבן זיך אנגעשלאסן צו די אזוי אויך גרויסע גרופע. די געזאנג און טענץ האבן זיך כסדר פארמערט.

און ס'איז נישט געווען קיין גרינגע נסיעה. מענטשן האבן זיך געשלעפט מיט זייערע משפחות און קליינע קינדער אויף א וועג וואס האט געקענט דויערן טעג און צומאל וואכן, שלאפנדיג אויפן גאס אדער אין געצעלטן. אבער די אלע שוועריגקייטן זענען געווען נישטיג קעגן די שמחה וואס די אידן האבן דאן געשפירט.

אנקומענדיג ביי די טויערן פון ירושלים זענען זיי אנטקעגן געקומען די יקירי ירושלים, און אריינגעפירט די פראצעסיע מיט גרויס כבוד און פאראד איבער די גאסן פון ירושלים. פון אלע עקן זענען ארויסגעקומען די תושבי ירושלים און זיך אויפגעשטעלט מיט כבוד פאר די מביאי ביכורים.

## צו ווען מען א דאנק?

**מיין** ארעמע שפראך וועט נישט זיין גענוג צו שילדערן די פאמפ און טראסק ווי אזוי די מצוה פון ביכורים איז אויסגעפירט געווארן.

**"ושמחת בכל הטוב"**, און דו זאלסט זיך פרייען מיט אלע גוטס (דברים כו, יא), אידישע קינדער זענען ארויס פון אלע זייערע גרעניצן צו פראווען די מצוה. ס'איז געווען אן איבערלעבעניש וואס האט אויסגעזען ווי אן איינמאליגע געשעעניש, אבער די פעלד ארבעטערס האבן דאס מיטגעלעבט יאר איין יאר אויס, מיט די זעלבע עקסטאז און פאמפ ווי א יאר צוריק.

וואס האט אויסגעפעלט די גאנצע טראסק ארום די איין מצוה? צו דאנקען השי"ת! ס'איז צום באוואונדערן; א גאנצע פאלק זאל זיך אפשטעלן פון זייער טאג טעגליכן געלויף צו זאגן "יישר כח?"

יא, מיר זענען אזוי פארנומען מיט אונזער לעבן אז מיר פארגעסן צומאל צו דאנקען פאר די אלע טובות מיט וואס דער אויבערשטער באגיסט אונז. דערפאר קומט אונז די מצות ביכורים געבן א געלעגנהייט צו געבן אן האסטיגן שטעל אפ און אנערקענען די חסדי השם. די גאנצע מצוה צו דאנקען פאר די דאנקען פאר די געלונגענע שניט פון די געוואוקסן, האט איר מקור פון הכרת הטוב, מען זאל כסדר דאנקען השי"ת פאר די פולע חסדים וואס ער טוט מיט אונז. די גאנצע טראסק ארום די מצוה איז געווארן אויסגערעכנט אויף אן אופן אז כלל ישראל זאל קומען צו די איבערצייגונג אז מיר האבן נישט קיין וויכטיגערס צו טון אין אונזער לעבן, נאר צו אויסדריקן טיפע געפילן פון לויב און דאנק צו השי"ת.

די מצוה פון דאנקען השי"ת איז די וויכטיגסטע זאך. **שויתי ה' לנגדי תמיד**, מיינט אז מען זאל האלטן שטענדיג פאר די אויגן די גוטס וואס דער אויבערשטער טוט מיטן מענטש יעדע רגע פון זיין לעבן.

דאס איז וואס דער אויבערשטער פארלאנגט פון אונז, "קוק זיך אום וואס איך שענק דיר אלץ, הארץ, לונגען, אויגן. די סייענטיסטן זענען מודה אז ס'איז נישט דא קיין מער סאפיסיקירטע בילדער אפאראט וואס קען אראפכאפן פראפאסיענאלע בילדער ווי די אויגן, און מיר האבן צוויי פון דעם.

ס'קען כאפן בילדער פון דער נאנט און א סעקונדע שפעטער נעמט דאס ווייטע בילדער. און די טונקל נעמט דאס אריין מער ליכטיגקייט און ווען ס'איז ליכטיג דארף עס ווייניגער. די וואונדער מאשין וואלט א מענטש קיינמאל נישט געקענט אליינס ערצייגן.

## די סיבה פאר די אלע גוטס

**פארוואס** טוט אונז דער אויבערשטער באגיסן מיט אזויפיל חסדים טובים? דער סוד איז אז מיר זאלן אנערקענען דעם אויבערשטן, וואס דאס איז די גאנצע תכלית פון א איד אויף דער וועלט. ווי מער מען ווייסט פון השי"ת, אלץ מער האט מען דערגרייכט דעם ציל פארוואס מען איז דא. ווען מיר פארשטייען פארוואס דער אויבערשטער שענקט אונז די אלע חסדים, קענען מיר פארשטיין א פסוק אין די סדרה, וואס זעט אויס מיטן ערשטן בליק אומפארשטענדליך. דער אויבערשטער ווארנט אונז אויף די פולע צרות און שווערינקייטן וואס וועט באפאלן דאס פאלק חלילה אויב מיר וועלן נישט היטן די תורה. עס איז דא פארשידענע סיבות פארוואס דער אויבערשטער זאל דארפן ברענגען ח"ו צרות אויף אונז, די איינצעלע סיבה וואס ער האט געפונען פאר וויכטיג ספעציפיש ארויסצוברענגען איז: **"תחת אשר לא עבדת את השם אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל"**, ווייל דו האסט נישט געדינט דיין באשעפער מיט שמחה און מיט פרייליכע הארץ פון די אלע גוטס. (דברים כח, מז).

ווייל מיר האבן נישט געדינט השי"ת מיט שמחה און מיט אונזער גאנצן הארץ איז דאס שוין

גענוג א סיבה צו ליידן שווערע עונשים? וואס איז געשען אז מיר זענען נישט געווען אזוי פריילין? מיר האבן געלייגט תפילין יעדן טאג, געהיטן שבת כהלכה, געלערנט תורה, מיר האבן אלעס געטון וואס מען ברויך.

ווען מיר קוקן אריין אין פסוק זעען מיר אן אינטערעסאנטע ווארט: **תחת אשר לא עבדת**, דאס ווארט **תחת** מיינט "ווייל", אדער "אנשטאט", דערפאר קען מען ליינען דעם פסוק ווי פאלגענד: "און דאס אלעס וועט קומען אויף דיר אנשטאט צו דינען השי"ת מיט שמחה און פילע הארץ..." דער איבערשטער קומט אונז צו לערנען אז די איסוואלאל איז אינגאנצן אונזערס, אדער קלייבסטו אויס צו אנערקענען דעם איבערשטן דורך שמחה, און אים דאנקען פאר די פולע גוטס וואס ער געבט דיר און דורכדעם צוקומען צו וויסן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אדער איז דא נאך וועגן ווי אזוי דו קענסט אנערקענען אין אים, דורך תוכחה און צרות וועסטו זיך איבערצייגן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

דער מעטאד איז תחת, אנשטאט צו אויסשרייען ברוב כל און שמחה, וועסטו מוזן אויסשרייען בעירום ובחוסר כל, און צער. ס'איז נישט א שטראף נאר א מעטאד, אדער דאס אדער יענץ. דער איבערשטער וויל נאר אז איר זאלט אנקומען צו די תכלית אויף דער וועלט.

א מענטש קלונגט מיר אן איין טאג אז ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי מיט געפערליכע קאפ שמערצן אז ער קען נישט גיין. און איך קלער צו מיר, דא איז א מענטש וואס פאר 65 יאר אין א צי איז ער יעדן טאג אויפגעשטאנען געזונט און פריש אן קיין קאפ שמערצן, איז אים אמאל איינגעפאלן צו דאנקען פאר דעם? 20,000 טעג אין זיין לעבן, האט ער נישט געהאט קיין קאפ ווייטאג. ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי אויף די צוויי פוס און געגאנגען זיין וועג. טראכטס אריין וואספארא וואונדערליכע אפאראט דער מח איז מיט אלע אירע עלעקטראנישע פונקציעס, אז דער מח פלאצט נישט מיט קאפ שמערצן איז דאס א געוואלדיגע נס! אייער מח איז מער פאראגעשריטן ווי די גרעסטע טעלעפאן קאמפאניס, און איר האט נישט קיין יסורים פון דעם? איר זאלט טאנצן פאר שמחה. און דער איבערשטערווארט פאר דעם, אבער ער וועט נישט ווארטן פאר שטענדיג...

די שטילע אינדערפריי'ס אן קיין קאפ שמערצן האט אייך נישט געברענגט צו קרבת אלוקים, האט ער אייך געגעבן א קאפ ווייטאג און יעצט ווייסט איר אז ס'איז דא א באשעפער. ביי די ברכה פון רפאינו שרייט איר אויס צו אים. איר דאווענט מיט גרויס כוונה, אייערע תפילות זענען מיט מער הארץ ווי סיי וועלכע מענטש אין שול. דאס איז ווייל איר האט אויסגעוועלט צו האבן כוונה ביי "רפאינו" אנשטאט ביי "מודים"!

הייבט אן צו טראכטן וואספארא גוטע מזל איר האט אין אייער לעבן. האט איר זיך שוין אמאל מתבונן געווען וואס דאס מיינט גיין מיט די אייגענע פוס? אייער גאנצע קערפער מאכט איבונגען. איר זענט צווישן די פרייע מענטשן וואס קענען זיך באוועגן וואו איר ווילט, איר זענט נישט אין א תפיסה און נישט אין א ראד-שטול. אייערע פוס זענען מער פאראגעשריטן ווי אן אטאמאביל! אייערע מוסקלען ארבעטן אין א קארדינאציע און וואונדערליכע צוזאמענארבעט, ווען איינע שלעפט און איינער רוקט זיך, אלעס אין א ריטעם, און איר שפירט נישט קיין ווייטאג און איר הערט נישט קיין גערידער אינעווייניג ווען די ביינער רייבן זיך אריין איינער אינעם צווייטן, ווייל ס'איז דא פעטנס ארום די ביינער וואס באשיצט איר, און די פעטנס ווערן כסדר אויפגעפרישט. האט איר אמאל אריינגעקלערט אין די וואונדער? מיר דארפן אויסשרייען מיט שמחה די ברכה: "ברוך אתה השם המכין מצעדי גבר!"

## ער וויל שפאצירן אין פאריז

**איינער** פון מיינע באקאנטע, א רייכער מאן האט זיך נישט געלערנט ווי אזוי צו זיין פריילֿיך אז ער קען גיין אויף זיינע צוויי געזונטע פוס דורכצושפרייזן די ברוקלינער גאסן. ער האט געהאלטן אז נאר אויב מען שפאצירט אין פאריז קען מען זיין פריילֿיך, אדער אויב מען קריכט אויף די אלפיין בערג קען מען שפירן גליקליך. סתם גיין מיט די צוויי פוס צום שול, נע... דאס איז צו פשוט פאר אים. ער האט געהאלטן אז איך בין א משוגע׳נער אז איך האב הנאה סתם צו גיין און קומען אויף אוישן פארקוועי. יענער האט ארומגערייזט די וועלט און געמיינט אז ער האט געטראפן א גליק.

א צייט שפעטער איז ער ל״ע קראנק געווארן. ער האט געדארפט ליגן אין בעט פאר לאנגע יארן. ביי איינע פון מיינע באזוכן ביי אים האט ער זיך אויסגעדריקט: ״איך דערמאן זיך פון די אלטע גוטע צייטן ווען איך האב געקענט אליינס גיין צום בית הכסא, איי איז דאס געווען א גן עדן. די גרעסטע הנאה וואס איך וואלט יעצט געקענט שפירן איז פשוט צו גיין אויף די אייגענע פיס און שפאצירן אויפן גאס...!״

איך בין נישט דער מענטש צו משפט׳ן אנדערע. איך האב אים זייער געשווינט אין זיין קלעם, אן ערליכער איד דארף נעבעך אזוי ליידן יסורים. אבער מיט דעם קען מען פארשטיין וואס דער רבונו של עולם וויל פון אונז האבן. ער וויל מיר זאלן שעצן די מתנה פון לעבן. מען זאל נישטווארטן ביז מען קען נישט אראפטרעטן פון בעט צו וויסן אז פשוט גיין אויף די צוויי פוס איז א גן עדן. ווארטס נישט אויף קיין דערמאנונגען.

מיינט נישט אז איך פארלאנג פון אייך עפעס אויסטערליש. ניין, די עבודה איז א חיוב גמור אויף יעדן מענטש. אויב איר האט נישט הנאה צו גיין איבער די ברוקלינער גאסן וואס וועט אייך שוין העלפן צו גיין איבער די פאריזער גאסן אדער שווייצער בערג?! איר האט דאך פארפאסט די געלעגנהייט פון הודאה צו השי״ת פארן קענען גיין אויף די פוס, און דאס איז א געוואלדיגע פארברעכן.

## מודים אנחנו לך

**מיר** קענען צוריקקוקן צו די מצוה פון ביכורים זיך צו לערנען א וויכטיגע לעקציע ווי אזוי מצליח צו זיין אין דער עבודה. די תורה זאגט אונז אז נאכדעם וואס דער פעלד ארבעטער האט אויסגערופן זיין הודאה צום באשעפער דארף ער אראפלייגן זיין קארב פון פרוכט אויפן מזבח און ער דארף זיך בוקן פארן אויבערשטן. ווי עס שטייט אין פסוק: ״**והנחתו לפני השם אלקיך והשתחוית לפני השם אלקיך**״, און זאלסט עס אראפלייגן פאר השי״ת און זאלסט זיך בוקן צו השי״ת. (דברים כו, י.) דער פעלד ארבעטער פלעגט זיך אנידערוווארפן אויף דער ערד און דאנקען דער וואס האט אים געגעבן אלע זיינע חסדים אין לעבן.

דאס ווארט והשתחוית קומט פון ״שח״, נידעריג, אזוויי אין פסוק שטייט ״**ושח רום אנשים**״ (ישעי-ה ב׳ י״א) די שטאלץ פון מענטשן וואט ווערן נידריג, ער מאכט זיך קליין צו דער ערד מיט הכנעה קעגן השי״ת. ער שפירט זיך איבערגעוועלטיגט מיט הודאה און נישטיג קעגן דער גרויסער באשעפער וואס געבט אים די פולע גוטס. דער פארמער קניט זיך צו דער ערד, שפירנדיג אז ער קען נישט באצאלן פאר די אלע גוטס נאר זיך איינבייגן מיט הודאה.

אפילו דער פארמער וואס האט נישט געהאט די אויסטערלישע כוונות האט זיך געקניט און געבוקט, און אזוי האט ער אויפגעוועקט זיינע טיפע געפילן צו דעם פון אויבן.

מיר לערנען די סדרה און מיר ווערן אנגערייצט צו די געוואלדיגע זכי׳ה וואס אונזערע אור-עלטערן

האבן געהאט, צו שטיין קעגן מלך מלכי המלכים און זיך בוקן צו אים. מיר כאפן זיך אבער נישט אז מיר האבן די זעלבע געלעגנהייט אין אונזער לעבן נאר מיר טראכטן נישט אריין אין דעם און אזוי פארפאסן מיר דער געלעגנהייט.

יעדן טאג ווען מיר בוקן זיך ביי מודים טוען מיר נאכמאכן יענעם גרויסן מאמענט פון **והשתחוית**. ווען מען בייגט זיך אראפ זאל מען מכוון זיין פאר וועמען מיר בוקן זיך. אנשטאט נאר זיך צו געבן עפעס א בייג איין פון געוואוינהייט זאלט איר זאגן די ווערטער שטאט. איר דארפט שפירן אז איר בייגט זיך איין קעגן דעם אויבערשטן, אפילו איר האלט נישט א קארב פון פרוכט אין אייער הענט בוקט איר זיך פארן אויבערשטן אזוי ווי דער פארמער אין בית המקדש.

מאכט הכנות פארדעם. ווען איר קומט אן צו המחזיר שכינתו לציון נעמט צוזאם אלע אייערע כוונות און שטעלט אייך אפ פאר א רגע. שטעלט אייך פָאר אז איר זענט פון די מביאי ביכורים ווען זיי האבן זיך צוגעגרייט צו דאנקען השי״ת. יעצט קענט איר זאגן מודים און זיין רוהיג אז איר האט יוצא געווען. בייגט אייך איין מיט אלע אייערע רמ״ח איברים דאנקענדיג השי״ת פון טיפן הארצן. איך גאראנטיר אייך אז איר וועט ווערן א נייע מענטש!

## יהא שמי׳ה רבא

**איך** וועל אייך געבן נאך היימארבעט. ווען איר קומט אין ביהמ״ד און איר הערט קדיש ענטפערט איר **יהא שמי׳ה רבא מברך**, זייט גרויסן נאמען זאל זיין געבענטשט. די באדייט פון די ווערטער איז אז איין טאג אין דער צוקונפט וועט זיין נאמען ווערן געבענטשט. ווארטס נישט אויפן עתיד - **לעלם ולעלמי עלמיא**, נאר הייבט יעצט אן. ווערטס שוין פארנומען צו בענטשן זיין נאמען.

ווען איר זאגט יהא שמי׳ה רבא איז א גוטע עצה זיך צוצוגרייטן פון פאראויס. ווי נאר דער חזן רופט אויס ״יתגדל״ טראכט מיט וואס איר גייט הייַנט דאנקען השי״ת. דאנקט אים פאר אייער משפחה, געזונטע קינדער, אן קיין צרות. איך האב געקענט א מענטש וואס האט געהאט דריי קינדער, אלע איינע נאכן אנדערן נישט נארמאלע ר״ל. אויב איר האט געזונטע קינדער זאלט איר טאנצן פאר שמחה. יעדעס קינד איז א מתנה פאר זיך.

ביי יעדע יהא שמי׳ה רבא זאלט איר טרעפן איין זאך אויף וואס צו דאנקען. איר האט אייער אייגענע ציינער, ב״ה איך האב אמאל געהאט פראבלעמען מיט מיינע ציינער האב איך געזאגט צום ציין דאקטער ער זאל אריינלייגן פאלשע ציין. דער דאקטער האט מיר אפגעוואָרפן: ״ס׳איז נישט דא קיין גלייכן ווי אייגענע ציינער!״ איר הערט? מ׳קען נישט צוגלייכן פאלטשע ציין צו אייער צובראכענע אייגענע ציין.

## אפילו א רשע איז מודה

**גארנישט** קומט נישט צו צו אייערע אייגענע אויגן. אפילו דער רשע ׳דרווין׳ האט זיך אויסגעדריקט: ווען איך טראכט אריין אין די נושא פון אויגן מוז איך מודה זיין און גלייבן אז דאס איז נישט געשען פערצופאל.

ווען איך בין געווען א קליין קינד האב איך געטראפן א בולעט אויף דער ערד. איך בין געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואס מען קען טון דערמיט האב איך עס געלייגט צווישן צוויי העלצער ביים צוים. דאן האב איך גענומען א האמער מיט א נאגל און געזעצט אויף דעם. די בולעט האט אויפגעפלאצט קעגן מיין פנים וואס האט אנגעהויבן צו רינען מיט א פולן קראפט. איך וואלט ח״ו געקענט פארלירן מיינע אויגן. ווי אזוי קען איך גענוג דאנקען דעם אויבערשטן פאר מיינע צוויי געזונטע אויגן.

אן אנדער מאל, אלס פיר יעריג קינד האב איך אראפגעטראסקעט פון א בארג העלצער ווען

מען האט געבויט נעבן אונזער שטוב. איך בין געפאלן אויף מיין פנים און איך האב געדארפט האבן סטיטשעס, וואס וואלט געווען ווען די האלץ גייט אריין אין מיינע אויגן ר״ל? איך וויל נישט טראכטן. איך קען נאר דאנקען דעם אויבערשטן פארן מיר שענקען די מתנה פון ראי׳ה.

## הכנה צום יום הדין

**די** שיעור פון **תחת אשר לא עבדת** איז אן הכנה צום יום הדין פון ראש השנה. א יאר צוריק זענען מיר געשטאנען אויפן זעלבן פלאץ און געשריגן: **מי יחיה ומי ימות, מי ישלו ומי יתיסר**. מיר האבן נישט געוואוסט וואס די קומענדיגע יאר וועט ברענגען מיט זיך. יעצט שטייט איר ווידער דא, איר האט איבערגעלעבט, איר האט עס געמאכט!

היי יאר גרייטן מיר זיך ווידער צו בעטן פאר נאך א יאר לעבן. האט איר שוין געדאנקט פאר די פאראנגאנגענע יאר, אדער האט איר זיך נאר אפגערעדט פאר אלע אייערע צרות און שוועריגקייטן? זענט איר גרייט צו נעמען נאך א יאר פון דאנקען השי״ת פאר זיינע פולע חסדים?!

דער רבינו יונה וויל געבן א ביישפיל פון א מצוות עשה ברענגט ער דעם פסוק ״**וזכרת את כל הדרך**״, וואו דער אויבערשטער זאגט אונז אז מיר זאלן געדענקען דעם וועג וואס מיר זענען געגאנגען אין מדבר פאר פערציג יאר. דער אויבערשטער דערמאנט דעם דור המדבר זאל צוריקקוקן צו די אלע חסדים וואס ער האט זיי געטון אין מדבר. דער רבינו יונה ברענגט ארויס אז דאס איז א מצוות עשה, צוריקצוקוקן און דאנקען פארן עתיד.

מיר דארפן צוריקקוקן אויף אונזער נסיעה פון די פאראנגאנגענע ראש השנה ביז די יעצטיגע. ס׳איז געווען א גאנצע יאר פון חסדים. אויב איר זענט נאך דא איז דאס א סימן אז ס׳איז געווען גוט!

געדענקט, די מצוה פון ביכורים. דאן וועט אייך השי״ת ווייטער געבן **רוב כל** אז איר זאלט ווייטער קענען ממשיך זיין מיט **עבדת את השם אלקיך בשמחה ובטוב לבב** פאר די קומענדיגע יאר הבעל״ט, מיט געזונט און נחת.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**ארייצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: **845-213-7571**
פאר וויליאמסבורג רופט: **929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




# צו באשטעלן ביי אונז
# קונטרסים גליונות פאר:

## שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
## שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbosgmail.com

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**




פנים חדשות באו לכאן
די קונטרסים
ווערן אי"ה האבן
א נייעם דעקל לכבוד
שנת תשפ"א

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## וואס איז די ריכטיגע וועג פאר א כולל יונגערמאן זיך צוצוגרייטן צום נייעם זמן?

## תשובה:

**קודם** כל מיט תפילה - איר דארפט בעטן פון השי"ת הילף. "רבונו של עולם יהי רצון מלפניך שתעזור לי בזמן הזה ללמוד תורה מתוך הצלחה, הייליגער באשעפער ביטע גיב מיר הצלחה אין מיין לערנען דעם זמן - און גיב מיר אביסל לשמה אויך." זייטס מתפלל אויף דעם. און נישט נאר אנהייב זמן נאר ס'איז א גוטע עצה כסדר צו מתפלל זיין. יעדן טאג ווען איר הייבט אן א נייע סוגיא, ווען איר עפענט אויף די גמרא זאגטס: "רבונו של עולם, העלף מיר!" ס'איז בכלל נישט קיין שלעכטע עצה...

**צווייטנס**, מאכט אפ אין אייער מח אז דאס לעבן איז זייער קורץ, איר האט נאר הונדערט און צוואנציג יאר צו לעבן און איר קענט זיך נישט ערלויבן צו פארשווענדן צייט. נעמט אייך פאר אז אין כולל וועט איר רעדן נאר דברי תורה. אין ביהמ"ד זאלט איר נישט רעדן פון עפעס אנדערש, דער ביהמ"ד זאל זיין א פלאץ נאר פאר לערנען.

**נומער** דריי: מאכט זיכער זיך גוט דורכקומען מיט אייער חברותא. די משנה אין אבות א' ו' זאגט: "קנה לך חבר והוי דן את כל האדם לכף זכות" קויף זיך איין א גוטער חבר, און זייט אלעמען דן לכף זכות. איר קענט זיך נישט האלטן נאנט מיט א חבר אויב איר זענט אים נישט דן לכף זכות. ס'מאכט זיך פארשידענע מענטשן וועלכע לאזן איבער א חבר צוליב מידות. איר זאלט שטענדיג פרובירן די מערסטע וואס איר קענט זיך צו דורכקומען מיט אייער חברותא, ס'איז זייער א וויכטיגע זאך. אפילו צומאל קען זיין אז ער איז נישט אזא גרויסע הילף אין תורה איז ער א גרויסע הילף פאר אייערע מידות, און צומאל קען עס זיין א הילף איןביידע נקודות. זיך פארטראגן מיט מענטשן און מיט אייער ווייב איז א גרויסע שלימות; ס'איז א געוואלדיגע וועג אויסצוארבעטן מדות; ס'איז א גרויסע דערגרייכונג.

### נדבת השבוע

חלק גדול מההפצה לפ' כי תבא נתנדב ע"י
**מוה"ר ר' חיים מאיר גרינפעלד הי"ו**
לרגל נישואי בתו תחי' לסימן ולמזל טוב
יהי"ר שיזכה לבנות בית נאמן בישראל עם רוב נחת דקדושה כה"י
---
זכות הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים לכל מילי דמיטב

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"